א בריוו פון הארצן צו וואלענטירס פאר ספעשיל נידס.

פארגאנגענעם שבת פרשת ויצא איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין די באקאנטע ראללי האטעל פאר אפ-רוה, אויך איז געווען דארט א גרויסע שבתון פאר ארום 80 ספעשיל נידס קינדער אנגעפירט דורך הרב וו. ציג פון המספיק, מיט א ריזיגע שטאב פון היימישע איבערגעגעבענע וואלענטירן, איך אלס א פרעמדער בין איך גערירט געווארן ביז טרערן צו זעהן וואס מיינט "אוועק געבן פון זיך"!

א הארץ פאר א ספעשיל ניד! שפילן, רעדן, פארברענגן מיט אט די קינדער, ביזן קעיר נעמען פון די פריוואטע געברויכן מיט אזויפיל הארץ! מיט אזויפיל געדולד! וואס זאל איך אייך זאגען ?? איך האב דאס קיינמאל נישט געזעהן ממילא האב איך דאס קיינמאל נישט אפרישיעיט ...

עס איז מוראדיג צו זעהן אז עס איז דא א' א ספעשיל חלק אין כלל ישראל וואס זענען עוסק טעג און נעכט צו לייכטער מאכן פאר די קינדער און ערוואקסענע פון די 'ספעשל' חלק אין כלל ישראל.

צו זעהן די שמייכעל פון די קינדער-אינוואלידן וואס זענען אנגעהאנגען יעדע מוניט צו אנדערע מענטשן איז אין לשער.

**אשריכם היימישע וואלענטירן !**

**איך בין זיכער עס קומט נישט אן גרינג! כה לחי !**

